תמצית הגליון:

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב


# אַ פָּסוּק מְגִלָּה

## חיזוק פאר די וואך

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה
וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר


בעזרת השי"ת ▪ תצוה\פורים תשפ"א ▪ גליון קיד'


# וועד איז דער איד
# וואס מאכט אן די אלע פראבלעמן?

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די מעשה פון די מגילה...

נישט קיין חילוק אין וועלכע שוהל איר דאווענט אדער צו וועלכע קהילה איר געהערט, האט איר זיך שוין אודאי באגעגענט מיט אט די צוויי סארט סעקטעס ביי אידן...

עס איז דא אזא סארט איד וואס ביי אים איז זיין אידישקייט מער-ווייניגער מסודר, ער האט נישט צופיל שאלות, וויפיל ער טוט איז ביי זיך חשוב, ער פראקטיצירט אידישקייט לויט זיין פארשטאנד און זוכט זיך נישט צו פארפלאנטערן, דער עיקר אז מען טוט...

ווידער איז דא א צווייטע סארט איד, וואס לויטן מיינונג פונעם ערשטן איז דער איד איינער וואס מאכט אייביג פראבלעמן, אייביג וועט ער טרעפן עפעס וואס איז נישט גוט, ביי יעדע זאך ריקט ער אריין זיינע שאלות, "ווי אזוי דארף מען זיך פירן אויף די אדער די פאל? מעג מען דאס טוהן? טאר מען נישט?" צ.ב. מען האט זיך קוים געלייגט און ער איז שוין פארנומען ווען איז סוף זמן ק"ש, ווען איז סוף זמן תפילה...א.א.וו....

יעצט ווען מיר פרייען זיך מיטן הייליגן יום טוב פורים, לאמיר זיך באקאנט מאכן מיט אט דעם איד, "ווער איז דער איד וואס מאכט אן די אלע פראבלעמן?"

### לאמיר לערנען א פסוק אין מגילה און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר.** (אסתר ח, טז)

דאס איז נישט נאר א ניגון, נאר אויך איינע פון די פיר פסוקים וואס מען זאגט הויך ביים מגילה ליינען. לאמיר זיך מתבונן זיין אין די עומק הדברים און פארשטיין מיט א טיפערע בליק, "וואס מיינט די ווערטער פאר אונז ביום הפורים?"

~

זאגט די גמרא (מגילה ז:): **אמר רבא מיחייב איניש לבסומי בפוריא:** א מענטש איז מחיוב זיך אנצוטרינקן פורים מיט וויין, **עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי,** ביז ער וועט ווערן גוט שיכור און נישט וויסן דער חילוק פון ארור המן צו ברוך מרדכי, ער פארמישט זיך און זאגט, "ברוך המן ארור מר'..."

פרעגט דער ביא"ה (סי' תרצ"ה ב,): ואם תאמר, ווי אזוי קען זיין אז חז"ל זאלן מחייב זיין א מענטש צו שיכור'ן, בעת וואס מיר געפונען אין די תורה און נביאים אז דאס האט געברענגט גרויסע מכשולות פארן מענטש. עיי"ש...

ברענגט דער ביא"ה דער מאירי, וואס שרייבט: אודאי דארף זיך נישט דער מענטש אזוי נידריג מאכן און טרינקן ביז שיכרות ממש[א], **שלא נצטוינו על שמחה של הוללות ושל שטות,** נאר דער ענין פון טרינקן דארף זיין געמאסטן אנצוקומען צו א **שמחה של תענוג שיגיע מתוכה לאהבת השם יתברך והודאה על הנסים שעשה לנו...**

לאמיר זיך מעמיק זיין אין די ווערטער פונעם ראשון. וואס איז דער חילוק פון אזא סארט טרינקן וואס ברענגט א שמחה פון הוללות צו אזא סארט טרינקן וואס ברענגט צו א שמחה פון תעניג, וואס דאס ברענגט דער מענטש צו אהבת השם יתברך.

~

## דער מצב פון די אידן אין גלות בבל...

אין אנפאנג פון די זיבעציג יאר פון גלות בבל, איז דער מצב ביי די אידן געווען צוטיילט. די חשוב'ע אידן, די תלמידי חכמים, זענען געווען מורא'דיג גרויס אין תורה און זיי האבן געהאט זייער גרויסע מדריגות, אבער דער המון עם זענען געווען זייער גרויסע עמי הארצים און נישט געקענט אפי' די פשוט'ע זאכן פון די תורה. דאס האט צוגעברענגט אז

[א] ועי"ש שיטת הרמ"א.


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

זיי האבן זיך נישט געקענט האלטן קעגן די נסיון פון עבודה זרה. זיי זענען געווען אזוי ווייט פון די תורה אז בזמן אחשורוש, האבן די פשוט'ע המון עם ממש פארגעסן פון שמירת שבת, די פערדע מצוה אין די עשרת הדברות, ווער רעדט נאך פון אלע אנדערע מצוות. די אידן זענען געווען אין זייער א שווערע מצב. (עי' יערות דבש ח"א דרוש ו')

כלל ישראל איז ממש געווען צוטיילט אין צוויי. עס זענען ליידער געווען אסאך אידן וואס האבן זיך געשעמט אז זיי זענען אידן און נאר געזוכט ווי אזוי צו געפעלן פאר די גויים. ווידער זענען געווען די ראשי ישיבות, רבנים און די ראשי סנהדראות, וואס האבן זיך געהאלטן פעלזן פעסט. די צוויי פראקציעס זענען געווען שטארקע קעגנערס.

פון איין זייט, האבן די רבנים פרובירט ווי ווייט מעגליך צו שלעפן דאס פאלק צוריק צום אידישן וועג, אבער פון די אנדערע זייט, האבן די שוואכערע סארט בכלל נישט פארשטאנען וואס די רבנים ווילן פון זיי און זיי כסדר אנגעקוקט ווי פרומע מענטשן וואס מאכן פראבלעמען פון יעדע זאך.

און דאס האט זיך כסדר אפגעשפילט, איינמאל און נאכאמאל, בפרט יעצט ביי די מעשה פון מרדכי ואסתר.

דער קעניג אחשורוש, נאך די דריטע יאר פון זיין קעניגרייך, האט געמאכט א ריזיגע שיינע סעודה פאר אלע בירגער פון זיין לאנד... פארוואס יעצט? זאגט די גמרא אין מגילה (יא:): יעצט איז פארשטערקערט געווארן זיין מליכה, ווייל לויט זיין חשבון האט זיך יעצט געענדיגט די זיבעציג יאר פון גלות בבל און דער אייבערשטער האט נאכנישט ארויסגענומען די אידן פון גלות, איז ער געקומען צו די מסקנה לויט זיין גוי'שע קאפ אז די אידן וועלן שוין מער נישט ווערן אויסגעלייזט. דערפאר, איז יעצט געווען די פאסיגסטע צייט צו מאכן א פעסטע מאלצייט און זיך באנוצן מיט די כלים פון ביהמק"ד ווייל די חברה בלייבן זיינע.

לפי"ז, לכאורה וואלט געדארפט זיין א פשטות פאר יעדן איד וואס האט געלעבט אין יענע צייט אז צו דער מסיבה גייט מען נישט! זייער פלאץ איז נישט דארט! עס איז דאך א קלאפ פארן איד אז דער קעניג שרייט אויס קלאר מיט די אט די סעודה אז זיי בלייבן אונטערטעניגט אונטער אים אין בבל און קענען פארגעסן פון ירושלים...

און טאקע די מחשבה געפונען מיר ביי די ערליכע אידן, די ראשי ישיבות ורבנים, וואס האבן בשום אופן נישט געוואלט גיין צו די סעודה. און אפי' די אידן וואס האבן שוין יא געמוזט גיין, האבן ביטערלעך געוויינט ווען זיי האבן געזעהן די כלים פון די ביהמק"ד. (ילקוט שמעוני רמז תתרמ"ו)

מרדכי הצדיק, זעענדיג דער מצב, ובפרט אז מען איז נישט געווען געצווינגען צו גיין, עמד והכריז, "**בני הואיל הדבר תלוי ברצונכם**[ב], דערפאר בעט איך אייך, "גייט נישט צו דער סעודה, עס איז נישט געמאכט געווארן פאר אייער טובה, דאס איז נישט א פלאץ ווי א פרומע איד דארף זיין..."

**זיי האבן אוועקגעמאכט זיינע ווערטער, "וואס פארשטייט ער? וואס ווייסט ער? פארוואס קען מען נישט אביסל הנאה האבן? פארוואס מוז אלעס זיין א פראבלעם?"**

למעשה, האט דער המון עם זיך אויסגעלאכט און זיך נישט צוהערט, זיי האבן אוועקגעמאכט זיינע ווערטער, "וואס פארשטייט ער? וואס ווייסט ער? פארוואס קען מען נישט אביסל הנאה האבן? פארוואס מוז אלעס זיין א פראבלעם?"

און... אכצן טויזנט, פונעף הונדערט אידן וואס האבן געוואוינט אינעם שטאט שושן זענען יא געגאנגען צו די סעודה.[ג] און... זיי האבן ליידער געזינדיגט, גע'שיכור'ט און רח"ל אפגעטוהן גרויסע עבירות...

(ווייל נישט דער הנאה איז דאס וואס האט געשטערט דעם צדיק. אלץ אן עבד נאמן פארן אייבערשטען, האט ער געשפירט און געזעהן אז עס איז נישט אויסגעהאלטן... דאס איז נישט דער רצון ה', נאר אדרבה, עס קען נאך גרעסער מאכן דעם חרון אף...)

און טאקע דאס האט המן געזאגט פאר אחשורוש, "**יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים...**" (אסתר ג, ח)

און המן איז ממשיך, "דו דארפסט נישט מורא האבן פון כלל ישראל, דער אייבערשטער גייט דיר נישט באשטראפן, ווייל **ישנו עם אחד**, ד"מ **ישנים הם מן המצות**[ד], זיי פירן זיך נישט אויף ערליך און זענען נישט מקיים די מצוות. איי, אפשר זענען דא צדיקים וואס דורך זיי וועלן די פשוטי עם זיך קענען ראטעווען, אויף דעם דארפסטו אויך נישט דאגה'נען ווייל **מפוזר ומפורד בין העמים**[ה], די צוויי פראקציעס פארטראגן זיך נישט, זיי זענען צוטיילט אין צוויי און קענען זיך נישט דולדן.

אן ענדליכע עפיזאד געפונען מיר ווען מרדכי האט זיך נישט געוואלט בוקן צו המן. המן איז געווארן ברוגז און מחליט געווען אז נישט נאר מרדכי, נאר דער גאנצע פאלק דארף גיין פון דא און ער האט געמאכט די ביטערע גזירה... זאגט די גמרא (יב: סוף עמוד רבא אמר): שבט יהודה און שבט בנימין האבן געקרעכצט און זיך געטאנה'ט צווישן זיך, "ווער איז שולדיג אין דעם אומגליק פון ערציען אזא געפערליכע איד ווי מדרכי?! וועלכע שבט איז שולדיגער אין דעם געבורט פון דעם מרדכי וואס מאכט כסדר פראבלעמען? פארוואס קען ער נישט גיין מיטן עולם?? עס זענען דאך דא אזויפיל היתרים פון דער פוסק און יענעם רב, פארוואס דארף ער אייביג זיין אנדערש?!..."

און אזוי איז דער צוטיילונג געווארן שטערקער און שטערקער...

---

[ב] מדרש לקח טוב

[ג] אסתר רבה פ"ז

[ד] מגילה יג:

[ה] אין זה כפי פי' הגמ' שם אלא כפי שמבואר בספרי חסידות

ביז עס איז אנגעקומען דער ביטערע בשורה... **לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים** (אסתר ג, יג) און אלעס האט זיך געטוישט...

## דער ביטערע גזירה טוישט דעם בליק...

המן שרייבט, זיגעלט און שיקט ארויס בריוון, **לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים...** ער שוינט נישט קיינעם, יעדער וואס טראגט דעם נאמען "איד" דארף חלילה פארטיליגט ווערן.

די אידן זענען געכאפט געווארן אין שא"ק! "איין מינוט! יעדער??? פארוואס יעדער?! עס זענען דאך דא אזויפיל ווארילע אידן וואס האלטן זיך גוט מיט די גוים, זיי האבן געלעבט בשלום מיט זיי, צוזאמען פארברענגט ביי די סעודה און זיך יא געבוקט פאר המן! פארוואס זענען זיי שולדיג? פארוואס שרייבט המן אז יעדע איינציגסטע איד דארף ווערן אויסגע'הרג'ט?"

די תירוץ איז זייער פשוט: "ווייל ער איז א איד!!!" נישט קיין חילוק זיין איידיאלאגיא, נישט קיין חילוק ווי אזוי מען קוקס אויס, "דו ביסט א איד!" און אז מען איז א איד, האט דער גוי דיר פיינט![1]

**דער אחדות הייבט זיך אן וועבן....**

גאנץ כלל ישראל איז געווען אין אן עת צרה, וואס טוט מען? צו וועמען לויפט מען? צו וועמען גייט מען? ווער גייט דא איינרייסן? זיי זענען געלאפן צו דעם גרויסן צדיק מרדכי... יא, דער פרומער, דער איד וואס מאכט אלע פראבלעמן, ער איז דער וואס פאראַרבעט יעצט מעשים, ער נעמט צוזאם טויזענטע קליינע קינדער, ער פאסט, ער רייסט איין...

ווייל דאס איז יעצט דער רצון ה'! ער האט נישט קיין אייגענע פלענער, ער האט נישט קיין נגיעות, נאר דער **אין עוד מלבדו** וואס שטייט שטענדיג פאר אים... ער וויל נאר טוהן דעם רצון ה', אפגעזעהן וואס מען גייט זאגן אדער ווי אזוי מען גייט קוקן אויף אים...

ביז איין שיינעם נאכט, **בלילה ההוא נדדה שנת המלך.** דער קעניג האט מחליט געווען צו באלוינען מרדכי און אים מאכן גרויס, דורך נישט מער און נישט ווייניגער, דער שונא וואס יעדער האט מורא געהאט פון, דער שונא וואס מען האט געדארפט חנפ'ן, ער גייט דאס אויספירן... צו וועמען? צו זיין גרעסטע קעגנער, מרדכי הצדיק... און אזוי איז מרדכי געווען דער וואס האט אויסגעפויעלט א ישועה פאר כלל ישראל...

מרדכי הצדיק, צוזאמען מיט זיין אשת חיל אסתר, אויך איינער וואס האט זיך נישט גערירט פון הלכה, איינער וואס האט געהאט שאלות להלכה אויף טריט און שריט, "וואס דארף איך יעצט טוהן? וואס וויל יעצט דער אייבערשטער פון מיר?" (מגילה יג), אויך זי האט בשום אופן נישט געוואלט זיין ווי דער גוי, נאר אדרבה, זיך באהאלטן כדי נישט אנצוקומען צו דער גוי, און זי איז דער וואס האט געברענגט דער ישועה!

**שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי.** האט דער סאטמאר רבי זי"ע אמאל געטייטש אויף פורים: **שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה**, וואס איז געווען דער גרויסע שמחה? **בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי**, ווען די אידן האבן געזעהן אז דער פרומער מיט גרויסן און ברייטן ציצית, יענער וואס יעדער האט געמיינט אז ער מאכט אלע פראבלעמן... ער איז גאר דער וואס איז געווארן משנה למלך, ער איז דער וואס דער גוי קוקט יעצט ארויף, דאס איז טאקע געווען א שמחה!!!

~

## לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר.

(אסתר ח, טז)

און דאס איז אונזער לימוד...

נאכן צוזעהן דעם געוואלדיגע השגחה עליונה וואס אונזער הייליגע פאטער אין הימל, דער מלך העולם, האט ארומגעארבעט בלויז צו ערוועקן דעם איד..

נאכן אנערקענען אז דער אייבערשטער, מיט זיין ספעציעלע ליבשאפט צו כלל ישראל, האט דא געהאט א פונקליכע פלאן...

נאכן זעהן ווי אזוי דער **ונהפך הוא** איז מקיום געווארן מהדרין מן המהדרין, דער גרויסע רשע המן מיט אלע זיינע צען קינדער האט מען אויפגעהאנגען, זיין גאנצע פארמעגן און שיינע הויז האט מען איבערגעגעבן פאר מרדכי און אנשטאט אז די אידן זאלן גע'הרג'ט ווערן, האט מען אויסגע'הרג'ט טויזנטע גויים...

יעצט קען מען זאגן דעם "**בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים**" מיט גאר מיט אן אנדערע געשמאק! "איך בין גליקליך, איך פריי זיך אז איך בין נישט ווי דער גוי.... איך האב אן אייבערשטען און איך בין א בן המלך!!

**יעצט קען מען זאגן דעם "ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו, והבדילנו מן התועים" מיט גאר מיט אן אנדערע געשמאק! "איך בין גליקליך, איך פריי זיך אז איך בין נישט ווי דער גוי.... איך האב אן אייבערשטען און איך בין א בן המלך!!**

אפי' די גוים זענען געקומען צו לויפן אז זיי ווילן ווערן אידן, ווי עס שטייט אין די מגילה: **וְרַבִּים מֵעַמֵּי הָאָרֶץ מִתְיַהֲדִים...** (אסתר ח, יז). און ווי רש"י זאגט דארט: דאס מיינט אז די גויים זענען זיך געקומען מגייר זיין.

ד"מ: **לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר. לַיְּהוּדִים-** צו דער חלק ה'איד וואס איז געלעגן טיף באהאלטן אינעווייניג אינעם מענטש, **הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר**, דאס איז יעצט געווארן לעכטיג און

---

[1] וכן היה בשנות הזעם, ווען דער רשע, דער דייטש, האט גע'הרג'ט אידן, האט ער צוריק געקוקט ביז דריי דורות צו זעהן אויב מען שטאמט פון אידן, אפגעזעהן ווער און וואס דער מענטש איז געווען.

פרייליך... ער האט זיך שוין נישט געשעמט מיט זיין אידענטיטעט, ער איז געווארן שטאלץ און גליקליך "איך בין א איד!"

~

## אמר רבא מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי. (מגילה ז:)

אודאי מיינט דאס נישט אז מען זאל אזויפיל טרינקן ביז מען ווערט ממש שיכור און קומען אויפצוטוישן און חלילה זאגן אז ארור מר' אדער ברוך המן. נאר דא רעדט מען פון צוויי סארטן אידן, עס איז דא א איד וואס בעיקר ברענט ביי אים דעם "**ארור המן**", ער וויל נישט זיין ווי דער גוי ווייל נאך אלעס איז פארט בעסער צו זיין א איד, אבער דאס מיינט נאך נישט אז זיי טאנצן און שפרינגן "**ברוך מרדכי**", ווייל עס איז פארט שווער צו זיין א איד, נישט אייביג האט מען נערוועז, נישט אייביג איז עס באקוועם, נאר אפטמאל פילט מען געצווינגען און בלעת ברירה איז מען זיך מתגבר אויף די תאוות, און אויב וואלט מען געהאט סיי וועלכע תירוץ אויף סיי וועלכע אופן זיך ארויסצודרייען, וואלט מען זיכער אזוי געטוהן.

ווידער איז אבער דא א איד, וואס ביי אים ברענט דעם "**ברוך מרדכי**", ער איז פרייליך און צופרידן, ער שפירט פאר א זכייה אז "איך בין א איד"... אזא איד זוכט זיך נישט ארויסצודרייען, ער שעמט זיך נישט מיט זיין אידישקייט, נאר אדרבה פארקערט, ער זוכט כסדר וואס נאך ער קען טוהן פאר דעם רצון השם... ווייל ער האט דער דעת און פארשטייט פארוואס ער איז א איד און וואס דאס געבט אים, דערפאר איז אים א פריוועליגיע און א זכייה צו זיין אן ערליכע איד.

די חילוק צווישן די צוויי אידן איז נאר פארהאן כל זמן וואס דער גוף פונעם מענטש איז ניכטער און דער חלק הגשם קען שפילן א ראלע, ער רעדט, ער זאגט ,ער מאנט... אבער איינמאל דער מענטש הייבט אן טרינקן ווין, א גלעזל נאך א גלעזל, און דער חלק הפנימי פונעם מענטש קומט ארויס דורך די כח פון שמחה, צוביסלעך פאלט אוועק אלע גשמיות'דיגע מויערן[1], די בושות, די פאלשע רצונות... און דעמאלטס הייבט צוביסלעך אן דער אמת'ע איד, דער אמת'ע רצון, זיך אויפצו-וועקן און עס הייבט אן שרייען "**ברוך מרדכי**"... אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו.

**חייב איניש לבסומי בפוריא:** א מענטש זאל אזויפיל טרינקן, ווי דער מאירי זאגט: **שיגיע מתוכה לאהבת השם יתברך**, ביז זיין **פאלשקייט**, זיין גשם, וועט אוועקפאלן און ער וועט נישט וויסן דער חילוק פון **ארור המן לברוך מרדכי. ד"מ:** מיטן זעלבן קאך, זיכערקייט און אנטשלאסנקייט וואס ער זאגט **ארור המן**, ער וויל נישט זיין ווי דער גוי, וועט ער פורים טאנצן און זיך פרייען **ברוך מרדכי**, "איך בין איד", און איך וויל זיין אן ערליכע איד...

# מוסר השכל:

### הדור קבלוה בימי אחשורוש.

יא, ביז די צייטן פון אחשורוש האבן די אידן געפילט ווי אידישקייט איז א געצווינגענע זאך. און ווען מען איז געצווינגן, זוכט מען נאר זיך ארויסצודרייען און מאכן גרינגער. אבער נאך די מעשה פון אחשורוש, האבן די אידן פריש מקבל געווען אידישקייט באהבה. און ווען מען טוט א זאך פון ליבשאפט, זוכט מען ווי מער, מען פריידט זיך און מען איז שטאלץ אז מען האט זוכה געווען צו זיין פון די וואס האבן באקומען די אלע זכותים.

צוריק צו די שאלה מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן:
**ווער איז דער איד וואס מאכט אן די אלע פראבלעמן?**
בדרך כלל זענען דאס די אידן וואס זוכן נאר איין זאך:
לעשות רצון אביהם שבשמים מיט אן אמת.

הגם א גאנץ יאר איז נישט יעדער גלייך מיט דעם, ווייל אודאי איז פיל לייכטער ווען מען מאכט נישט קיין עסק און מען באנוצט זיך מיט כל מיני היתידם. די זמן פון פורים אבער, מיט די הילף פון אביסל משקה, קומט ארויס אונזער אמת'ע פנימיות. **נכנס יין יצא סוד...** וועלכע סוד קומט ארויס? דאס איז דער סוד פונעם באהאלטענע איד וואס קומט ארויס, יעדער שרייט אז מען וויל זיין ערליך, מען וויל תשובה טוהן, מען וויל באקומען ווי מער ברכות... דער חומר פאלט אוועק און דער חלק ה'איד קומט ארויס שיין, הויעך און קלאר.

אנדערש איז אבער דער גוי. ער קען טרינקן און טרינקן , גארנישט מער ווי הוללות קומט ארויס און ער פארזינדיגט זיך. משא"כ, דער איד, ווי נאר ער טרינקט, הייבט ער אן זינגן שירות ותשבחות פארן אייבערשטער. (מגילה יב: ביום השביעי כטוב לב המלך ביין)

און דאס איז דער פינטעלע איד וואס ליגט שטענדיג אין יעדע איד און וועט אייביג דארטן בלייבן. עס איז נאר פארפאקט, ווי דער דגל מחנה אפרים זאגט: **איש יהודי**. שם יהודי נקרא על שם יהודה, ובאותיות יהודה יש שם הוי' ברוך הוא, שמורה- היה הוה ויהיה, והוא רמז איש יהודי היה - והוא הוה בבל דור ויהיה תמיד. **ולא יעבוד מתוך היהודים**- בחינת יהודי.

אבער נישט אייביג איז דאס שייך אויפצודעקן. נאר ביום הפורים, וואס איז העכער פון יום כיפור, איז דער צייט וואס דער פינטעלע איד שפראצט ארויס. און דעמאלטס זענען אלע אידן אייניג, יעדער רעדט די זעלבע שפראך, אלע ווילן מכבד זיין דעם בורא עולם אויפן שענסטן פארנעם.

וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ. לעתיד לבא, ווען דער אייבערשטער'ס כבוד וועט זיין גלייך איבעראל, בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד, דעמאלטס וועט טאקע זיין נאר איין באשאפער, איין תורה, מיט איין מהלך ווי אזוי אים צו דינען.

און דאס איז דער ענין פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, ווי עס שטייט: להרבה רעיות. ווי דער מחבר זאגט: **וכל המרבה לשלח לרעים משבח**, פורים איז געווען דער צייט ווען כלל ישראל איז געווארן באחדות און פורים איז דער צייט ווען כלל ישראל ווערט יעדע יאר נאכאמאל באחדות. און פונקט ווי דעמאלטס האט מען מבטל געווען די שלעכטע גזירה, אזוי קען מען היינט נאכאמאל מבטל זיין אלע שלעכטע גזירות דורך די כח פון אחדות. (עטרת ישראל)

[1] ווי דער יסוד ושורש העבודה שרייבט (שער המפקד פ"ח): ווין מאכט פארגעסן אלע זאכן וואס שטערן די מענטש. שרייבט דער מהר"ל (סוף ס' גבורת ה'): עד כדי כך אז אפי' איינער האט א שונא, קען די ווין צושטערן די טיילונג וואס איז דא צווישן זיי.

# צידה לדרך

## דער ענין פון טרינקן וויין עד דלא ידע...

רביה"ק מ'סטאמאר זי"ע האט דערציילט אז דער הייליגע דברי חיים פלעגט מקיים זיין דעם **חייב אדם לבסומי בפוריא** מיט טרינקן זייער אסאך וויין אום יום הפורים, כאטש זיין הייליגע רבי, דער ראפשיצער רב זי"ע האט נישט געטרינקן פורים קיין וויין ביז שכרות. דער צאנזער רב האט געזאגט א טעם: וויבאלד חכמינו ז"ל זאגן דאך "חייב" אדם לבסומי בפוריא און איבעראל ווי חז"ל זאגן חייב, מוז מען דאס מקיים זיין ביז מסירת נפש, דעריבער האט ער זיך מוסר נפש געווען צו טרינקן אסאך וויין.

דער יעב"ץ (סידור שערי שמים מאמר מגילה עיפה) שרייבט וואס זיין טאטע דער חכם צבי האט אים געזאגט: אין די יונגע יארן פלעגט ער מקיים זיין די מצוה כפשוטו, ווייל על פי קבלה ליגט אין דעם באהאלטן א טיפע סוד אז מען דארף צוקומען צו **עד דלא ידע** ממש.

בכל אופן, שטייט אין ספר שערי תשובה (סק"ב בשם סידור היעב"ץ שיער יג-ז): איינער וואס ווערט נישט אזוי ביי זיך ווען ער טרינקט אסאך און ער קען צוקומען צו טוהן זאכן וואס מען ברויך נישט, ער טאר נישט טרינקן קיין סאך וויין.

און אויך אזוי פסק'נט דער ישמח משה (תצוה ד"ה והנה כבר פרשתי): איינער וואס קען צוקומען צו קלות ראש און לייכטזיניגקייט נאכן טרינקן אסאך, ער זאל נאר טרינקן אביסל צו ווערן אויפגעלייגט און נישט מער.

להלכה שרייבט דער רמ"א (תרצ"ה ב): וי"א דאין צריך להשתכר כ"כ אלא ישתה יותר מלמודו ויישן, ומתוך שישן אינו יודע בין ארור המן לברוך מרדכי, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים.

# מעשה רב

## וואס טוט מען ווען מען האט נישט קיין וויין?

דער הייליגע רמ"א איז איין יאר געווען איינגעשפארט אין תפיסה בעצם יום הפורים און עס האט אים זייער ווי געטוהן אז ער האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון טרינקן וויין. האט דער צדיק זיך אן עצה געגעבן. ער האט גענומען א פעדער מיט פאפירן און זיך גענומען שרייבן תורות אויף פורים פאר עטליכע שעה אן קיין אפרוה, טראכטנדיג אז דאס וועט פאררעכנט ווערן פארן אייבערשטען ווי טרינקן וויין. יארן שפעטער, האט ער געמאכט א ספר פון די אלע חידושים און דאס א נאמען געגעבן "מחיר יין", וואס דאס איז טייטש "אן אויפטוישונג פאר די וויין", אנשטאט די וויין האב איך געמאכט א ספר.

~

## מַה שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ

הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע האט געזאגט אז אין די מגילה איז מרומז אז כלל ישראל וועט קענען פועל'ן אלעם גוטן נישט בלויז דורכ'ן דאווענען, נאר אויך ווען אידן זיצן צוזאמען און פרייען זיך אינאיינעם מיט אחדות און קדושה. ווי עס שטייט אין פסוק: "וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ"- דער אייבערשטער זאגט, "לְאֶסְתֵּר"- צו כנסת ישראל וואס ווערט אנגערופן אסתר, "בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן"- ווען אידן פרייען זיך אינאיינעם, מען טרינקט און פארברענגט בדיבוק חברים, "מַה שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ וּמַה בַּקָּשָׁתֵךְ... וְתֵעָשׂ"-וואס דו בעטסט און וואס דו פארלאנגסט וועט מקויים ווערן. (עמוד האמת)

## צו זוכה זיין צו די ברכות דארף מען זיין א גוטע איד!

דער אהבת ישראל מ'וויזניץ זי"ע האט אמאל געווינטשן פאר א בחור וואס האט געהאלטן פאר א חתן ווערן, "דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט זוכה זיין צו א שיבה טובה."

דער חתן שטייט און וואונדערט זיך, "פארוואס וואונטשט מיר דער רבי א "שיבה טובה" ווען איך שטיי נאך ביי די אנהייב פון מיינע יארן? דער ברכה וואונטשט מען דאך פאר אן אלטן איד!"

דער רבי האט באלד מסביר געווען זיינע ווערטער: "שיבה" איז די ר"ת פון שפע ברכה הצלחה. איך וואונטשט דיר אז די ברכות זאלן דיר באגלייטן דיין גאנץ לעבן!"

דער חתן נעמט די שטארקייט און פרעגט דעם רבי'ן, "וואס איז מיט דער אות י'? שיבה האט דאך אן אות י'?"

ענטפערט דער רבי, "כדי צו זוכה זיין צו די ברכות, דארף מען זיין "א גוטע איד". ווען דו וועסט זיין א גוטע איד, וועסטו פארפילן דעם י' וואס פעלט פונעם דרש."